Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 11, נומער 3 (53)
אָדר תּשס״ו/פֿעברואַר 2006

## אַ סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונג[1] אין וואַרשע[2]

### באַשעוויסעס[3] לעצטע (צי ערשטע ?) אַוואַנטורע

איר האָט שוין זיכער געהאַט אַזאַ חלום[4] : איר רוימט אויף[5] דעם בוידעם[6], איר טרעפֿט זיך אָן אויף אַ געמעל[7], אַ פּאַטשקערײַ[8] וואָס וואַלגערט זיך[9] בײַ אײַך יאָרן לאַנג ; איר פּוצט עס אָפּ, אַ ביסל פֿאַרב גייט אַראָפּ : אונטן באַווײַזט זיך אַ רעמבראַנדט... עפּעס אַזוינס האָט לעצטנס פּאַסירט אין וואַרשע.

אַ געשיכטע־לערערין האָט געפֿונען בײַ זיך אין קעלער דער באָבעס אַ שענקל[10] וואָס זי האָט געוואָלט פֿאַרקויפֿן.

אויספּוצנדיק עס האָט זי געפֿונען אין אַ ווינקל אַ פּאָר אַלטע מײַטקעס[11] מיט שפּיצן[12]. ווען זי האָט זיי גענומען אין די הענט איז אַרויסגעפֿאַלן אַ כּתבֿ־יד[13]. זי האָט דערקענט ייִדישע אותיות[14] און האָט עס גלײַך געבראַכט אינעם וואַרשעווער ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט. דאָרטן האָט מען באַלד געזען אַז בײַם סוף[15] שטייט אַ דאַטע – דעצעמבער 1923 – און אַן אונטערשריפֿט : „יצחק[16]“ מיט גרויסע אותיות און „זינגער“ מיט זייער קליינע אותיות ! אונטערן שטויב און שימל[17] איז דאָס טאַקע געווען אַ לאַנגע דערציילונג פֿון יצחק באַשעוויס־זינגער.

דאָס ווערק, וואָס זײַן טיטל איז *דער סטודענט*, האָט אַלע מעלות[18] און חסרונות[19] פֿון אַ יוגנטווערק. דער מחבר[20], וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 19 יאָר, איז נאָך אַלץ אונטער דער השפּעה[21] פֿון זײַן עלטערן ברודער י. י. זינגער[22] און דער טעקסט איז אָנגעלאָדן מיט פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן. ער באַהערשט[23] נישט דעם רײַכן נאָר צו קאָמפּליצירטן סיפּור־המעשׂה[24] : דער העלד, אַ סטודענט פֿון טעאָלאָגיע, וואָס פֿאָרשט פֿאָלקסגלויבענישן, פֿאַרפּלאָנטערט זיך[25] אין אַ מעשׂה[26] מיט אַ שיינער

[סוף זײַט 8]

1. découverte/discovery 2. Varsovie/Warsaw 3. Isaac Bashevis Singer (1904-1991) 4. kholem rêve/dream 5. rangez/clean up 6. grenier/attic 7. peinture/painting 8. "croûte"/worthless painting 9. traîne/lying around 10. commode/chest 11. culottes/ladies' underwear 12. dentelles/lace 13. ksavya'd manuscrit/manuscript 14. oysyes lettres/letters 15. sof fin/end 16. yitskhok 17. moisissure/mold 18. mayles qualités/virtues 19. khesroynes défauts/weaknesses 20. mekhaber auteur/author 21. hashpoe influence 22. Israel Joshua Singer (1893-1944) 23. maîtrise/master 24. siper-hamayse intrigue/plot 25. s'empêtre/gets mixed up 26. mayse histoire/story

## נײַע בילדער פֿונעם מאַרס !



באַלד קומט פּורים !



ווי איר ווייסט, איז שוין עטלעכע חדשים[1] אַז די סאָנדע[2] „מאַרס־עקספּרעס“ האַלט אין שיקן פֿאָטאָס פֿון דעם רויטן פּלאַנעט. נאָך די געוויינטלעכע בילדער פֿון רויטן זאַמד און גרויסע קראַטערס איז אָנגעקומען אַ בילד פֿון אַ גאָר אומגעריכטן[3] סאָרט. אויפֿן בילד זעט מען אַ גרופּע רויטע מענטשעלעך. צו ערשט האָט מען געטראַכט אַז ס'איז דאָ אַ טעות[4] אינעם קאָליר, ווײַל, ווי אַלע ווייסן, וואָלטן די מאַרסיאַנער געדאַרפֿט זײַן גרין. נאָך פֿאַרטיפֿטע פֿאָרשונגען[5] איז מען אָבער געקומען צום אויספֿיר[6] אַז דאָס זענען די באַוווּסטע „רויטע ייִדעלעך“, וואָס ייִדן זוכן זיי שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר. די „רויטע ייִדעלעך“, ווי מע רופֿט זיי אָן, זענען די פֿאַרלוירענע 10 שבֿטים[7] פֿון מלכות־ישׂראל[8] וואָס די אַסיריער[9] האָבן זיי פֿאַרשקלאַפֿט[10] און אַוועקגעפֿירט אין יאָר 722 פֿ״ק[11]. מען האָט תּמיד[12] געמיינט אַז זיי געפֿינען זיך הינטער די הרי־חושך[13] און אַריבער דעם טײַך סמבטיון[14], נאָר קיינער האָט ניט געטראַכט, אַז מע דאַרף זיי זוכן אויפֿן רויטן פּלאַנעט. די וויסנשאַפֿטלער[15] האַלטן די אינפֿאָרמאַציע דערווײַל בסוד[16], נאָר מיר האָפֿן אַז גאָר באַלד וועט מען קענען קריגן די פֿולע פֿאָטאָגראַפֿישע דאָקומענטאַציע פֿון דער דאָזיקער וויכטיקער אַנטדעקונג.

1. khadoshim mois/months 2. sonde/probe 3. inattendu/unexpected 4. toes erreur/mistake 5. recherches/research 6. conclusion 7. shvotim tribus/tribes 8. malkhes-yisroel royaume d'Israël/Kingdom of Israel 9. Assyriens/Assyrians 10. réduit en esclavage/enslaved 11. פֿאַר קריסטוס avant Jésus-Christ/B.C. 12. tomid toujours/always 13. hare-khoyshekh monts de Ténèbres ; dans le folklore, synonyme de «bout du monde»/Mountains of Darkness, in folklore, synonym of «end of the world» 14. sambatyen Le Sambatyon, fleuve légendaire infranchissable/The Sambatyon, a legendary impassable river 15. scientifiques/scientists 16. ... beso'd gardent ... secret/keeping ... secret.

# פּורים – אַ ייִדישער קאַרנאַוואַל ?



פּורים איז אַ יום־טובֿ[1] פֿון פֿרייד און געלעכטער. מע פֿאַרשטעלט זיך[2] מיט מאַסקעס און קאָסטיומען, מע הוליעט[3] אויף די גאַסן, מע שפּילט טעאַטער, מע מעג זיך מאַכן נאַריש און אַפֿילו[4] שיכּורן[5]. פּורים־צײַט זאָגט מען אַז ס'איז גוט צו טרינקען אַזוי פֿיל, ביז מע ווייס ניט קיין אונטערשייד צווישן מרדכי הצדיק[6] און המן הרשע[7]. אַ סך זאַכן, וואָס זײַנען געוויינטלעך פֿאַרווערט[8], זײַנען דערלויבט[9] : צום בײַשפּיל, מענער מעגן זיך אָנטאָן אין פֿרויִשע קליידער און פֿאַרקערט. מע מעג אַפֿילו חוזק מאַכן[10] פֿון די רבנים[11] און פֿון דער תּורה[12] ! דער פּורים־לץ[13] מעג אָפּלאַכן פֿון וועמען ער וויל. אין די ישיבֿות[14] פֿלעגט מען אויסקלײַבן אַ פּורים־רבֿ[15] און מאַכן ווילדע פּאַראָדיעס אויף ערנסטע ספֿרים[16] פֿון תּנך[17] אָדער שטיקלעך גמרא[18]. אין וועלטלעכע סבֿיבֿות[19] קען מען אויך טרײַבן קאַטאָוועס[20] : אין שולן אין ישׂראל[21] איז דאָ אַ מינהג[22] אַז תּלמידים[23] און לערערס בײַטן זיך מיט די ראָלעס אויף איין טאָג. און דערפֿאַר האָט זיך דער ״*ייִדישער טעם־טעם* דערלויבט אויסצוטראַכטן „קאַטשקעס[24]“ און זיי שטעלן אויף דער ערשטער זײַט !

אין דער פּורים־מעשׂה[25] איז דאָ אַ סך עלעמענטן וואָס פּאַסן זיך גוט צום מאָטיוו „פֿאַרקערט“ אָדער „קאַפּויער[26]“. די ראָלעס בײַטן זיך : אסתּר[27], די ייִדישע טאָכטער, ווערט אַ פּערסישע מלכּה[28] און דער מעכטיקער המן ווערט אויפֿגעהאָנגען אויף דער תּליה[29] וואָס ער האָט אַליין צוגעגרייט פֿאַר מרדכין. אין מגילת־אסתּר[30] דערקלערט מען די סיבות[31] פֿון די „פֿאַרקערטע“ מינהגים : אין יענער צײַט „איז זיי [די ייִדן] פֿאַרקערט געוואָרן פֿון קומער[32] אין אַ שׂימחה[33] און פֿון טרויער אין אַ יום־טובֿ“.

טאָ איז פּורים, ווי מע זאָגט אָפֿט מאָל, אַ ייִדישע ווערסיע פֿונעם קריסטלעכן קאַרנאַוואַל ? די ענלעכקייטן וואַרפֿן זיך טאַקע אין די אויגן[34] ! קאַרנאַוואַל פּראַוועט מען אויך מיט מאַסקעס און קאָסטיומען, טענץ און געזאַנג, געוואַגטע[35] פּאַראָדיעס קעגן מלוכה[36] און קירכע, ווי אויסוויילן אַ קאַרנאַוואַל־מלך[37] אָדער (ווי מען פֿלעגט עס טאָן אַ מאָל) נעמען אַן אייזל[38] און פֿאַרשטעלן אים אין בישאָף[39]־קליידער. מען זאָגט טאַקע אָפֿט אַז דער קריסטלעכער קאַרנאַוואַל, דער עיקר[40] אין די איטאַליענישע שטעט אין מיטל־עלטער, האָט שטאַרק געווירקט אויף די פּורים־מינהגים. די ענלעכקייטן מיינען אָבער אַז ביידע טראַדיציעס וואַקסן אַרויס פֿונעם זעלבן מקור[41] – די אַלטע פּאַגאַנישע פֿרילינג־פֿײַערונגען, ווי די רוימישע סאַטורנאַליען, ווען די צוימען[42] פֿאַלן אַראָפּ און מע מעג זיך פֿירן גאָר ווילד. די דאָזיקע מינהגים זענען געווען אַזוי שטאַרק אײַנגעוואָרצלט[43] בײַם פֿאָלק, אַז ניט די קירכע, און ניט די רבנים האָבן זיי ניט געקענט אָפּשאַפֿן[44]. האָט מען זיי צוגעפּאַסט אַ רעליגיעזן באַטײַט – און לאָז מען הוליען געזונטערהייט ! כאָטש[45] איין מאָל אַ יאָר...








1. yontev fête/holiday 2. se déguise/disguise themselves 3. fait la fête/celebrate 4. afile même/even 5. shi'kern se soûler/get drunk 6. mordkhe hatsadik Mardochée le Juste (héros de l'histoire de Pourim)/Mordecai the Just (hero of the Purim story) 7. homen haroshe Haman le Méchant/Haman the Wicked 8. interdits/forbidden 9. permis/permitted 10. khoyzek ... se moquer/make fun 11. rabonim rabbins/rabbis 12. toyre Torah 13. lets bouffon, plaisantin/jester, prankster 14. yeshives écoles rabbiniques/rabbinical schools 15. rov rabbin/rabbi 16. sforim livres (saints)/(holy) books 17. tana'kh Bible hébraïque/Hebrew Bible 18. gemore Talmud 19. svives milieux/circles 20. plaisanter/fool around 21. yisroel Israël 22. mineg coutume/custom ; *plur.* מינהגים minhogim 23. talmidim élèves/pupils 24. *ici* canulars/*here* hoaxes, spoofs 25. mayse histoire/story 26. à l'envers/upside down 27. ester Esther 28. malke reine/queen 29. tlie potence/gallows 30. megiles-ester Rouleau d'Esther (9 : 22)/Scroll of Esther (9:22) 31. sibes raisons/reasons 32. peine/sorrow 33. simkhe joie/joy 34. sautent aux yeux/are obvious 35. osés/daring 36. melukhe État/state 37. meylekh roi/king 38. âne/donkey 39. évêque/bishop 40. ... iker surtout/mainly 41. moker source 42. barrières/barriers 43. enracinés/deeply rooted 44. supprimer/do away with 45. au moins/at least.



# מגילת־אסתּר[1]

„און עס איז געווען אין די טעג פֿון אַחשוורושן[2]...“
אַזוי הייבט זיך אָן מגילת־אסתּר, ווו עס ווערט דערציילט די מעשׂה[3] פֿון פּורים. דאָס קלינגט ווי אַ טיפּישע פֿאָלקס־מעשׂה : אַ שיינע פֿרוי (אסתּר[4]) האָט חתונה[5] מיט אַ מעכטיקן קעניג (אַחשוורוש) און, מיט דער הילף פֿון אירס אַ קלוגן לאַנדסמאַן (מרדכי[6]), ראַטעוועט[7] זי איר פֿאָלק פֿון די הענט פֿון אַ שלעכטן מיניסטער (המן[8]). ווי באַלד די מעשׂה שפּילט זיך אָפּ[9] אין פּערסיע, ווו די הויפּטהעלדן (אסתּר און איר קוזין מרדכי) זײַנען ייִדן, ווערט עס אַ געשיכטע פֿון אַ נאַציאָנאַלער אויסלייזונג[10].
אין דער מעשׂה איז דאָ אַ פּאָר היסטאָרישע עלעמענטן : אַחשוורוש, צום בײַשפּיל, איז טאַקע געווען אַ פּערסישער קעניג (מע מיינט אַז דאָס איז קסערקסעס[11]) אָבער פֿון המן, ווַשתּי[12], אסתּר אָדער מרדכי איז קיין שפּור[13] נישטאָ אין דער געשיכטע. היסטאָריקער האָבן שוין לאַנג באַמערקט אַז די נעמען אסתּר און מרדכי זײַנען זייער ענלעך צו די נעמען פֿון די בבֿלישע[14] געטער מאַרדוק און אישטאַר[15]. פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס שטאַמט[16] פֿון פּערסישע לעגענדעס.
מגילת־אסתּר איז אויך דער איינציקער ספֿר[17] פֿונעם תּנך[18] אין וועלכן מען דערמאָנט קיין מאָל נישט גאָטס נאָמען. דערפֿאַר מיינט מען אַז דאָס איז איינער פֿון די לעצטע ספֿרים וואָס מע האָט אַרײַנגענומען אינעם קאַנאָן, און דערצו[19] נאָך גרויסע קאָנטראָווערסן. די מעשׂה איז מסתּמא[20] געווען אַזוי פּאָפּולער אַז מע האָט געזוכט תּירוצים[21] זי אַרײַנצונעמען – און געפֿונען, אַחוץ[22] דער פֿרייליכער מעשׂה פֿון דערלייזונג, אַנדערע אַלעגאָרישע באַטײַטן. מיט די יאָרן זענען צו דער תּנכישער[23] מעשׂה צוגעקומען אַ סך לעגענדעס און אַנעקדאָטן וועלכע האָבן אינספּירירט קינסטלער און פּאָעטן.



1. megiles-ester Rouleau d'Esther/Scroll of Esther 2. akhashve'yreshn d'Assuérus/of Ahasuerus 3. mayse histoire/story 4. ester 5. ... kha'sene se marie/marries 6. mordkhe Mardochée/Mordecai 7. sauve/saves 8. homen Haman 9. se déroule/takes place 10. rédemption 11. Xerxès 12. vashti première femme d'Assuérus/Ahasuerus' first wife 13. trace 14. bo'vlishe babyloniens/Babylonian 15. Ishtar (Astarte) 16. provient/is derived 17. seyfer livre (biblique)/book of the Bible 18. tana'kh Bible hébraïque/Hebrew Bible 19. qui plus est/moreover 20. mistome probablement/probably 21. terutsim prétextes/pretexts 22. akhu'ts à part/aside from 23. tana'khisher biblique/Biblical.

## זעט אויס אַז דער פּורים־לץ[1] וואָס שפּילט זיך מיט ווערטער און אותיות[2], האָט אָפּגעטאָן אַ פּאָר שיינע שפּיצלעך[3] ניט בלויז אין דעם ייִדישן טעם־טעם...

# געפֿונען אין דער פּרעסע

אין אַ פּאַריזער ייִדישער צײַטונג אויף פֿראַנצייזיש איז געשטאַנען די ווײַטערדיקע מעלדונג[4] :
„אין די ראַמען[5] פֿון חודשלעכן[6] זונטיק־סעמינאַר[7] געווידמעט שלום־עליכמס[8] ווערק, וועט יאָסעלע סאָלאָווײ[9], מיט דער מיטהילף פֿון יצחק[10] ניבאָרסקי, אַנאַליזירן דעם שרײַבערס יוגנטווערק. [...]“.
אַזוי ווי דער בעסטער אַנאַליז איז זעלבסטאַנאַליז, וואַרטן מיר, צום קומענדיקן זונטיק־סעמינאַר, אויף טבֿיה דעם מילכיקער[11] !




# געפֿונען אין אַ רעקלאַמע[12]

איר זוכט אַן אָריגינעלע מתּנה[13] ? אַ פֿראַנצייזישע פֿירמע האָט אַרויסגעגעבן אַ סעריע אַכט פּלאַסטישע בראַסלעטן אין פֿאַרשיידענע קאָלירן. אויף יעדן בראַסלעט איז אָנגעשריבן „אַ גוט יאָר !“ אויף אַן אַנדער שפּראַך. איין בראַסלעט טראָגט דעם ווונטש אויף העברעיִש : „הבוט הנש“. איר פֿאַרשטייט ניט ? שרעקט זיך ניט ! די העברעיִש־קענערס פֿאַרשטייען עס אויך ניט... צום גליק איז דאָ אויך אַ טראַנסקריפּציע מיט לאַטײַנישע אותיות – shana tova – און אַזוי אַרום דערוויסן מיר זיך, אַז אין יאָר 2006 וועט מען שרײַבן העברעיִש פֿון לינקס צו רעכטס !
איז ווינטשן מיר אַלעמען –
אַ גוט יאָר !

1. purim-lets génie moqueur de Pourim/Purim prankster 2. oysyes lettres, caractères/letters 3. bons tours, coups tordus/pranks 4. annonce/announcement 5. dans le cadre de/as part of 6. kho'ydeshlekhn mensuel/monthly 7. séminaire de littérature, organisé par la Maison de la culture yiddish/seminar in Yiddish literature held at the Paris Yiddish Center 8. sholem-aleykhems de/by Sholem-Aleykhem 9. héros éponyme d'un roman de Sholem-Aleykhem/hero of Sholem-Aleykhem's novel with the same name 10. yitskhok 11. tevye ... Tevye le Laitier/Tevye the Dairyman12. publicité/advertisement 13. matone cadeau/gift.

# נײַיאָר אין קראָאַציע

## אַ באַריכט פֿון אַ רײַזע

### פֿון אַן פֿריי[1], אַ סטודענטקע פֿון די ייִדיש־קורסן אין פּאַריז

**אַ גרופּע פּאַריזער פּרויִען פֿאָרן אין קראָאַציע זוכנדיק זון און ים[2] און געפֿינען שניי, רעגן און אַ סך געשיכטע**





© D.R.

מיטוואָך

מײַן קוזינקע און איך טרעפֿן זיך אויפֿן פֿליפֿאָרט מיט אַ גרופּע פֿרויען צו פֿאָרן צוזאַמען אין קראָאַציע. אַ פֿלי פֿון צוויי שעה[3] און מיר לאַנדן אין זאַגרעב, אין אַ שניישטורעם. זאַגרעב זעט אויס ווי אַ שיינע שטאָט, נאָר וויפֿל קען מען זען ווען עס פֿאַלט אַזאַ שניי ?

דאָנערשטיק

אונדזער גרופּע פֿאָרט קיין ספּליט, בײַם ברעג פֿון אַדריאַטישן ים. 400 קילאָמעטער, אָבער אונטער אַ שניי. יענער שטורעם ! אַלץ איז שניי ווײַס, מע זעט גאָרנישט און דער אויטאָבוס שלעפּט זיך אַזוי פּאַמעלעך אַז מיר פֿאַרשפּעטיקן זיך. נו, מיר האָפֿן אויף דער זון ווען דער ים וועט זײַן נאָענט. אַ לאַנגער טונעל, און – אַ נס[4] – ווען מיר פֿאָרן אַרויס, איז נישטאָ קיין איין שנייעלע[5] ! נאָר קיין זון אויכעט נישט... עס רעגנט. עס וועט רעגענען די גאַנצע רײַזע לאַנג. אַ גליק אַז איך האָב מיטגענומען אַ שירעם.

פֿרײַטיק

מיר באַזוכן ספּליט, דער עיקר[6] דיאָקלעציאַנס פּאַלאַץ. דיאָקלעציאַן איז געבוירן געוואָרן לעבן ספּליט אין 245 און איז געווען אַ רוימישער קייסער. זײַן פּאַלאַץ איז אַ קליין שטעטל און איז נאָך אַלץ באַוווינט.

שבת[7]

אונדזער אויטאָבוס פֿירט אונדז קיין דובראָווניק, אָבער מיט אַן אָפּנייג[8] : עס וואַרט שוין אויף אונדז אַ שיף ווײַל מיר פֿאָרן אויף אַן אינדזל : קאָרטשולאַ[9]. דער ים איז שטורמיש אָבער דער וועג איז נישט זייער לאַנג, 20 מינוט, נישט גענוג פֿאַר אַ ים־קרענק ! מיר באַזוכן די געבורטשטאָט פֿון מאַרקאָ פּאָלאָ, די פּאַלאַצן און די קלויסטערס. נאָר וואָס איז געווען דער קולמיניר־פּונקט פֿונעם באַזוך אויף קאָרטשולאַ ? פֿינף אַ זייגער אַן עקספּראָמפּט[10] עסן מיט אויסטערס[11] אין אַ שענק אויפֿן וועג. מיר האָבן זיך געקוויקט[12] מיט די פֿרישע אויסטערס !

און דאַן, דער סילוועסטער־אָוונט[13] אין האָטעל, מיט שאַמפּאַניער, אַוודאי[14].

זונטיק

דער באַזוך אין דובראָווניק. זייער אַ שיינע שטאָט, אַ מוזיישטאָט מיט רענעסאַנס־געבײַדעס[15]. די שאָדנס[16] וואָס די מלחמה[17] האָט געמאַכט זענען אַזוי גוט רעפּאַרירט, אַז מע זעט זיי נישט.

מאָנטיק

צוריק קיין פּאַריז. ס'איז אין דער פֿרי. און עס רעגנט אויך !

1. Anne Frey 2. yam mer/sea 3. sho heures/hours 4. nes miracle 5. flocon de neige/snowflake 6. ... iker surtout/especially 7. shabes samedi/Saturday 8. détour 9. Korcula 10. improvisé/impromptu 11. huîtres/oysters 12. nous nous sommes régalés/we had a treat 13. Saint-Sylvestre/New Year's Eve 14. avade bien sûr/of course 15. bâtiments/buildings 16. dégats/damages 17. milkhome guerre/war.

# דאָס קליינע ירושלים[1]

## אַ נײַער פֿילם פֿון קאַרען אַלבו מיט עלזאַ זילבערשטיין










דער פֿילם שטעלט פֿאָר אַ פֿרומע ייִדישע משפּחה[2], ספֿרדים[3] פֿון דזשערבאַ (טוניזיע) וואָס וווינען איצט אין דער פּאַריזער פֿאָרשטאָט[4], סאַרסעל[5]. אויף די גאַסן זעט מען די מולטיקולטורעלע באַפֿעלקערונג[6], אַראַבער, שוואַרצע, ייִדן, וואָס גייען זיך פֿאַרבײַ נישט קוקנדיק איינער אויפֿן צווייטן.

די משפּחה באַשטייט פֿון אַ מאַמע מיט צוויי טעכטער – די עלטערע, מאַטילד, איז שוין אַ חתונה־געהאַטע[7], זי לעבט מיט איר מאַן און פֿיר קינדערלעך. די ייִנגערע, לאָראַ, איז נאָך אַ סטודענטקע און לערנט זיך פֿילאָסאָפֿיע אויף דער אוניווערסיטעט. אַזוי ווי עמנואל קאַנט[8] אין קעניגסבערג, גייט זי יעדן טאָג אויף אַ שפּאַציר אין דער זעלביקער צײַט און לויט אַ באַשטימטן וועג. כּדי[9] צו פֿאַרדינען געלט, אַרבעט זי ווי אַ רוימערין אין אַ שול. מע וויל זי חתונה מאַכן[10], נאָר זי וויל ניט, כאָטש[11] די מאַמע פּרוווט אונטערהעלפֿן מיט שפּרוכן[12] און אַנדערע מאַגישע מיטלען. לאָראַ באַגעגנט אָבער אַ יונגן אַראַבער און זיי פֿאַרליבן זיך. די עלטערע שוועסטער, מאַטילד, האָט אַ פּראָבלעם מיט איר מאַן, וואָס איז ניט צופֿרידן פֿון זייערע סעקסועלע באַציִונגען און זוכט אין דרויסן וואָס ער געפֿינט ניט אין דער היים.

אין פֿאַרלויף פֿונעם פֿילם זעט מען אַזעלכע פּאַסירונגען ווי אַ שׂרפֿה[13] אין אַ שול[14], אַן אָנפֿאַל[15] אויף ייִדישע פֿוסבאָל־שפּילערס... מע זעט אויך אַ שבתדיקן קידוש[16] און אַ פֿריילעכן פּורים אין אַן אימפּראָוויזירטער[17] שול – אַ געצעלט[18] אין וועלכן מע לייענט מגילת־אסתּר[19] און די קינדער קלאַפּן מיט די גראַגערס[20] ווען זיי הערן המנס[21] נאָמען. ווי אַזוי ענדיקט זיך די מעשׂה[22] ? די טוקערין[23] פֿון דער מיקווה[24] לערנט אויס מאַטילדן ווי אַזוי צופֿרידנצושטעלן איר מאַן. די משפּחה פֿון יונגן אַראַבער וויל ניט אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט אַ ייִדיש מיידל.

צום סוף[25] פֿאָרט די ייִדישע משפּחה אַוועק אין ישׂראל[26], אַחוץ[27] לאָראַן, וואָס בלײַבט אין פֿראַנקרײַך און גייט אָן מיט אירע שטודיעס. דער פֿילם איז זיכער אַן אָפּשפּיגלונג[28] פֿון אַ סבֿיבֿה[29], געזען פֿון אַן אינעווייניקסטן קוקווינקל[30]. ס'איז נישט אַזוי סכעמאַטיש ווי עמוס גיתּאיס[31] פֿילם „קדוש“[32]. די פֿרומע ייִדן ווערן דאָ געשילדערט[33] ניט אַזוי איינזײַטיק. דער פֿילם וועט באַפֿרידיקן[34] די וואָס ווילן זען „עקזאָטישע“ ייִדישע מינהגים[35] און די, וואָס ווילן לאַכן פֿון מענטשן וועלכע גלייבן אַז גאָט קוקט אונטער די לײַלעכער[36]. נאָר מען גייט אַרויס פֿון קינאָ מיטן געפֿיל אַז ס'וואָלט געקענט זײַן ערגער.

*שלמה זילבערמאַן*

1. ... yerusholaim *La Petite Jérusalem*, Karin Albou (2005) 2. mishpokhe famille/family 3. sfardim sépharades/Sephardic Jews 4. banlieue/suburb 5. Sarcelles 6. population 7. kha'sene... mariée/married 8. Emmanuel Kant 9. kede'y afin que/in order 10. kha'sene ... la marier/marry her off 11. bien que/even though 12. sortilèges/spells 13. sreyfe incendie/fire 14. *ici/here* synagogue 15. agression/attack 16. sha'besdikn kidesh bénédiction du shabbat/Sabbath blessing 17. provisoire/temporary 18. tente/tent 19. megiles-ester Rouleau d'Esther/Scroll of Esther 20. crécelles/noisemakers 21. homens de Haman/Haman's 22. mayse histoire/story 23. surveillante au bain/bath attendant 24. mikve bain rituel/ritual bath 25. sof fin/end 26. yisroel 27. akhu'ts sauf/except for 28. reflet/reflection 29. svive milieu 30. point de vue/viewpoint 31. amos gitays de/by Amos Gitaï 32. kadosh 33. dépeints/depicted 34. satisfaire/satisfy 35. minhogim coutumes/customs 36. draps/sheets.

# „אַ געשעפֿט“ : די חסידישע[1] פֿילם־אינדוסטריע

## פֿון לייזער בורקאָ (ניו־יאָרק)




ס׳קומט זעלטן הײַנט אויס צו רעצענזירן[2] אַ נײַעם פֿילם אויף ייִדיש. [...] דערפֿאַר דאַרף מען זיך פֿרייען מיט דעם, וואָס הײַנט זענען, צוליב טעכנאָלאָגישע סיבות[3], די הוצאָות[4] צו שאַפֿן פֿילמען גוואַלדיק געפֿאַלן. די ביליקע טעכנאָלאָגיע האָט לעצטנס דערמעגלעכט די פֿרומע „קולטור־טוער“ צו שאַפֿן פֿילמען פֿאַר זייער ייִדיש־רעדנדיקן ציבור[5]. צום באַדויערן, זענען ס׳רובֿ[6] אַזעלכע פֿילמען סתּם[7] פֿילמירונגען פֿון חסידישע פּורים־שפּילן – אפֿשר[8] בעסער אויפֿגעפֿירט ווי די געוויינטלעכע, אָבער פֿאַכמעניש[9] נישט זייער אינטערעסאַנט. די דאָזיקע „פֿילמען“ קומען אַרויס אויף ווידעאָ־טאַשמעס, CD-ROM אָדער DVD – אין קיין קינאָס זעט מען זיי נישט. וועגן דעם ענין[10] „פֿרומע פֿילמען“ גייט אָן אַ שאַרפֿער וויכּוח[11] אין דער חרדישער[12] וועלט, אַזוי אַז דערווײַל דאַרף יעדער באַשליסן פֿאַר זיך אַליין, צי ער וויל אַרײַנברענגען אין זײַן היים דעם טרייפֿענעם אַפּאַראַט, דאָס „שטותים־קעסטל“[13], און זיך צוקוקן צו אַזעלכע פֿילמען. [...]

דערפֿאַר ווערט מען פֿאַרחידושט[14], וואָס בעת[15] מע גייט אַרײַן אין „אײַכלערס“[16], אין דעם „יודאַיִקאַ־אוניווערסאַלקראָם“ פֿון באָראָ־פּאַרק, זעט מען גלײַך אַ גאַנצע פּאָליצע[17] אָנגעפֿילט מיט דעם נײַסטן און בעסטן ייִדישן פֿילם, וואָס איז אַרויס – *אַ געשעפֿט*. דעם סצענאַר האָט אָנגעשריבן מיכאל קירש און רעזשיסירט האָט דעם פֿילם יעקבֿ[18] קירש. [...] קיין פּורים־שפּיל איז דאָס נישט, נאָר אַן אמתער[19] פֿילם פֿאַר זיך פֿון 90 מינוט, געמאַכט אויף אַ געוויסן ניוואָ, מיט אַקטיאָרן, וואָס זענען, אַ מאָל, כּמעט[20] גוט.

[...] דער פֿילם *אַ געשעפֿט* דערציילט די געשיכטע פֿון פּרץ[21] גראָסבערג – פֿון זײַנע קינדער־יאָרן, ווען ער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ שטיפֿער[22] און אַ קליינער בעל־עבֿירה[23], ביז זײַנע צוואַנציקער, ווען ער הייבט אָן זײַן קאַריערע ווי אַן אמתער פֿאַרברעכער[24]. סוף־כּל־סוף[25] ווערט פּרץ דער בעל־הבית[26] פֿון אַ האָלץ־געשעפֿט אין מאָנסי[27], ווו ער פֿירט „לינקע“ חשבונות[28] בײַם פֿאַרקויפֿן די סחורה[29]. זײַן איינציקער קאָנקורענט איז ר׳ וואָלף זיכלער, וואָס פּרץ האַלט אַז יענער איז שולדיק אין זײַן ווערן אַרויסגעוואָרפֿן פֿונעם חדר[30] קינדווײַז. פּרץ איז גורם[31] דעם טויט פֿון זיכלערס ווײַב און דעם פֿאַרלוסט[32] פֿון זײַן איינציקן זון ; כּדי[33] צוצונעמען בײַ אים דאָס געשעפֿט, איז פּרץ גרייט אַפֿילו[34] אים „קידנעפּן“. נישט אומזיסט שטייט אויפֿן DVD : „געאייגנט פֿאַר דערוואַקסענע“[35]. עס קען זיך אויסדאַכטן, אַז פֿון פּרץ וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען : אָבער פֿאַרגעסט נישט דעם מעכטיקן כּוח[36] פֿון תּשובֿה[37].

*אַ געשעפֿט* גייט כּמעט אין גאַנצן אויף ייִדיש : אַפֿילו ווען דער שוואַרצער פּאָליציאַנט רעדט ענגליש, ווערן זײַנע ווערטער איבערגעזעצט אויף ייִדיש דורך אונטערשריפֿטן. דער צושויער[38] קען אויך אויסקלײַבן אויפֿן DVD די ענגלישע אָדער העברעיִשע אונטערשריפֿטן פֿאַרן גאַנצן פֿילם [...]. אַלע אַקטיאָרן רעדן אַ חסידיש־אונגאַריש ייִדיש, הגם[39] אַ טייל פֿון זיי זעען נישט אויס חסידיש. (הלוואַי[40] וואָלט עס נישט געווען סתּם אַ פֿאַנטאַזיע, אַז אַלע ייִדן אין מאָנסי רעדן ייִדיש !).

קיין מאָראַלישע אָדער פֿילאָסאָפֿישע סובטילקייט דערוואַרט מען נישט פֿון אַזאַ פֿילם, און צוליב דעם וועט דער עולם[41] נישט זײַן אַנטוישט. [...] נישט געקוקט אויפֿן גליקלעכן סוף, בלײַבט דער פֿילם *אַ געשעפֿט* פּראָבלעמאַטיש אין זײַן מאָראַל : קודם־כּל[42], סתּם ווי אַ פֿילם אין דער חרדישער וועלט, אָבער אויך צוליב קינסטלערישע סיבות. אַזוי ווי עס טרעפֿט זיך אַ מאָל אין די פֿילמען, איז דער רשע[43], פּרץ, זייער אַ לעבעדיקע און אַ פֿאַרכאַפּנדיקע פֿיגור אין פֿאַרגלײַך מיטן צדיק[44], ר׳ וואָלף. פּרץ האָט געפֿילן, אַמביציעס, אידעעס. ער באַלעבט דעם פֿילם מיט זײַן חוצפּה[45] און כיטרעקייט[46]. דער פֿרומער ר׳ וואָלף, ווידער, וויינט נישט אַפֿילו בײַם דערוויסן זיך וועגן דעם טויט פֿון זײַן ווײַב. [...] עס פֿרעגט זיך טאַקע, וויפֿל מאָראַל חסידישע יונגע־לײַט וועלן זיך אָפּלערנען פֿון דעם דאָזיקן פֿילם.

פֿונדעסטוועגן, דערציילט דער פֿילם אַן אמת שפּאַנענדיקע[47] געשיכטע, וואָס פֿון דעם וועט אונדזער עולם אויך האָבן הנאה[48]. [...]

1. khsi'dishe hassidique/Hasidic 2. faire un compte rendu/review 3. sibes raisons/reasons 4. hetsoes coût/cost 5. tsiber public 6. s'rov la plupart/most 7. stam simplement/merely 8. efsher peut-être/perhaps 9. professionnellement/professionally 10. inyen sujet/subject 11. vikuekh controverse/controversy 12. khare'disher ultra-orthodoxe/strictly orthodox 13. shtusim-... «boîte à bêtises»/«idiot box» 14. farkhidesht surpris/surprised 15. beys quand/when 16. Eichler's, librairie hassidique à Boro Park, Brooklyn/Hasidic bookstore in Boro Park, Brooklyn 17. rayon/shelf 18. yankev 19. e'meser vrai/real 20. kima't presque/almost 21. perets 22. coquin/mischief-maker 23. bal-aveyre pécheur/sinner 24. criminel/criminal 25. sofkl-sof finalement/finally 26. balebo's patron/owner 27. Monsey, communauté hassidique (état de New York)/Hasidic community in upstate New York 28. ... kheshboynes comptes falsifiés/dishonest accounting 29. skhoyre marchandise/goods 30. kheyder école/school 31. goyrem cause 32. perte/loss 33. kede'y afin de/in order to 34. afile même/even 35. pour adultes/for adults 36. koyekh force 37. tshuve repentir/penitence 38. spectateur/spectator 39. haga'm quoique/although 40. haleva'y si seulement/if only 41. oylem public 42. koydem kol tout d'abord/first of all 43. roshe méchant/villain 44. tsadik bon/hero 45. khutspe culot/nerve 46. malice/cunning 47. prenant/suspenseful 48. hanoe plaisir/pleasure.

# די פּאָעזיע פֿון מאַרק שאַגאַל, דער גרויסער קינסטלער
## צו זײַן 20סטן יאָרצײַט[1]
### פֿון חנה מלאָטעק

אין דעם לעצטן יאָר (2005) האָט מען געוויס געפּײַערט דעם 20סטן יאָרצײַט פֿון דעם באַרימטן ייִדישן קינסטלער מאַרק שאַגאַל, וואָס זײַנע ווערק קוקן אַראָפּ און באַשיינען[2] די ווענט פֿון אַ סך היימען און וויכטיקע אינסטיטוציעס איבער דער וועלט. אַחוץ[3] זײַנע כּישופֿדיקע[4] געמעלן[5] און ראַדירן[6], זײַנען באַוווּסט זײַנע וויטראַזשן[7], פּאַנעלן[8], וואַנטגעמעלן[9], וואָס ער האָט געשאַפֿן פֿאַר דעם הדסה[10]-שפּיטאָל אין ירושלים[11], דעם בנין[12] פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער[13], דעם מעטראָפּאָליטען אָפּערע-זאַל, די כּנסת[14], דעם ייִדישן מלוכה-טעאַטער[15] אין מאָסקווע (גאָסעט), און אַנדערע. שאַגאַל האָט פֿאָרגעבראַכט פֿאַר דער וועלט די טיפּן און פּייסאַזשן[16] פֿון זײַן אָרום, פֿריִער אין וויטעבסק, דערנאָך אין פּאַריז. ער האָט פֿאַרגעשטעלט אין זײַנע אייגנאַרטיקע[17] קונסטווערק זײַן פֿאַרוואָרצלטקייט[18] אין דעם ייִדישן לעבן, אין דעם פֿאָלקלאָר און קונסט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

מאַרק שאַגאַל איז געווען נאָענט צו דער ייִדישער קולטור און געזעלשאַפֿטלעכקייט[19]. ער האָט געצייכנט אילוסטראַציעס צו פּרצעס[20] „קונצן-מאַכער“, דעם נסתּרס[21] קינדער-דערציילונגען „אַ מעשׂה[22] מיט אַ האָן“ און „דאָס ציגעלע“, האָפּשטיינס „טרויער“, דער פּאָעזיע פֿון אַבֿרהם[23] ליעסין, „סיביר“ און „פֿידלרויז“ פֿון אַבֿרהם סוצקעווער. ער האָט צענדליקער ייִדישע בריוו געשריבן צו זײַן פֿרײַנד יוסף[24] אָפּאַטאָשו, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהיט אין ייִוואָ[25]-אַרכיוו. ער האָט עטלעכע מאָל באַגריסט דעם ייִוואָ אין ווילנע, זיך באַטייליקט אין דעם ייִוואָס צוזאַמענפֿאָר אין 1935, און געשטיצט דעם פּלאַן צו שאַפֿן אַ קונסט-סעקציע און אַ ייִדיש מוזיי בײַם אינסטיטוט. עס איז ווייניק באַקאַנט, אַז מאַרק שאַגאַל האָט אויך געשריבן ייִדישע לידער, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין *די גאָלדענע קייט*, נומ' 9 (1951) און 60 (1967). [...] אין זײַנע לידער הערט מען זײַן בענקשאַפֿט צו זײַן היימאָרט, זײַן נאָענטקייט צום ייִדישן פֿאָלק, זײַן טרויער אויפֿן חורבן[26] און זײַן באַוווּנדערונג פֿאַר ישׂראל[27]. צו זײַן יאָרצײַט דערמאָנען מיר אַ פּאָר פֿון זײַנע ליריש רעפֿלעקסיעס. [...]

אין דעם ווײַטערדיקן פֿראַגמענט זינגט ער אַ ליד אין פֿאַרבן צו זײַן געבורטלאַנד :

איך האָב צו דיר אין פֿאַרב געזונגען,
ווער ווייס צי דיר געפֿעלט מײַן ליד ;
אַ שטימע גייט פֿון מײַנע לונגען
און מאַכט מיך טרויעריק און מיד.

געמאָלט האָב איך פֿון דיר די בילדער,
די בלומען, וועלדער און די מענטשן,
איך מאָל דײַן פּנים[28] ווי אַ ווילדער,
און טאָג און נאַכט איך וויל דיך בענטשן[29].
[...]



מאַרק שאַגאַל (1887-1985) © D.R.

1. anniversaire du décès/anniversary of death 2. embellissent/give beauty to 3. akhu'ts à part/aside from 4. ki'shef dike magiques/magical 5. peintures/paintings 6. eaux-fortes/etchings 7. vitraux/stained glass windows 8. panneaux/panels 9. peintures murales/murals 10. Hadassah 11. yerusholaim Jérusalem 12. binyen bâtiment/building 13. ONU/U.N. 14. Knesset 15. melukhe-... Théâtre juif d'État/Jewish State Theater (GOSET) 16. לאַנדשאַפֿטן 17. d'un style à part/in a style of his own 18. enracinement/deep-rootedness 19. société/communal life 20. peretses de/by I.L. Peretz 21. ... nisters de/by Der Nister 22. mayse histoire/story 23. avro'm 24. yoysef 25. YIVO ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט 26. khurbm Shoah 27. yisroel Israël 28. ponem visage/face 29. bénir/bless.




## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט-פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים-פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : ................................................... קרעדיט-קאַרטע-נומער : ...................................

אַדרעס : ................................................... אויסגאַנג[4]-דאַטע : ...................................

...................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט-אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. yam-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# אמתע'[1] נײַעס

# פֿון ניו־יאָרק

וועןבײַ אַ צײַטונג ווערט געבוירן אַ קינד, קומט איר אויך אַ מזל־טובֿ[2] ! דער *פֿאָרווערטס*, די באַרימטע ייִדיש־צײַטונג אין ניו־יאָרק, וואָס איז אַלט שוין איבער 100 יאָר, האָט איצט אַ קינד. זײַן נאָמען איז *ווײַטער*. און ביידע ווערטער מיינען דאָס זעלבע : „פֿאָרויס[3]" ! דאָס איז אַ פֿיר־זײַטיק בלעטל מיט פֿאַרשיידענע אַרטיקלען פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס וועט דערשײַנען[4] יעדן חודש[5].




אינעם ערשטן נומער איז דאָ אַ לייט־אַרטיקל[6], אַ פּאָרטרעט פֿון דרײַ יונגע ייִדיש־פֿאָרשערינס[7], אַ קורצע געשיכטע פֿון *פֿאָרווערטס* און טשיקאַווע[8] נײַעס וועגן מאַלפּעס[9], ווײַסע בערן[10] און קעשעפֿאָנען[11]. אויף דער לעצטער זײַט איז דאָ אַ גרינגער קעסטלשפּיל[12] און אַ קינדער־מעשׂהלע[13]. אַלץ איז געשריבן אין אַ פּשוטער[14] שפּראַך, מיט גרויסע אותיות[15], בילדער און פֿוסנאָטעס צו דערקלערן שווערע ווערטער און פֿראַזעס[16]. די דערקלערונגען זײַנען אין גאַנצן אויף ייִדיש, וואָס איז אַ גוט פּעדאַגאָגיש מיטל. אַ שאָד[17] בלויז אַז מע גיט ניט קיין אַרויסרעד[18] פֿון די העברעיִש־שטאַמיקע ווערטער.

*ווײַטער* ווערט צעשיקט[19] אומזיסט[20] די ייִדיש־לערערס און אָנפֿירערס פֿון ייִדיש־קרײַזן און ־סבֿיבֿות[21].

מיר ווינטשן דעם קינד געזונט און הצלחה[22] !




1. e'mese vrais/true 2. mazl tov félicitations/congratulations 3. en avant !/forward ! 4. paraître/be published 5. khoydesh mois/month 6. éditorial 7. chercheurs (*fém.*)/researchers (*fem.*) 8. curieux/curious 9. singes/monkeys 10. ours polaires/polar bears 11. téléphones portables/cell-phones 12. mots croisés/crossword puzzle 13. ma'ysele histoire/story *dim. de/of* מעשׂה mayse 14. po'sheter simple 15. oysyes lettres/letters 16. expressions 17. dommage/a pity 18. prononciation/pronunciation 19. distribué/distributed 20. gratuitement/free of charge 21. svives cercles/groups 22. hatslokhe réussite/success.



[סוף פֿון זײַט 1]

ציגײַנערין[27], אַ קאָרטן־וואַרפֿערקע[28]. אַלע טעמעס זענען שוין דאָ : דער העלד, האַלב־טראַגיש, האַלב־קאָמיש, אַמפּערט זיך[29] מיט פֿרויען, מיט מעטאַפֿיזיק, מיט שלעכטס און גוטס. בקיצור[30] – טיף, שטאַרק און משוגע[31] !

ווי אַזוי איז דער כּתבֿ־יד אָנגעקומען אין שענקל ? וואָס איז דאָס שײַכות[32] מיט דער באָבע ? מע ווייסט אַז אין יענער צײַט האָט באַשעוויס געאַרבעט פֿאַר ייִדישע צײַטונגען אין וואַרשע און האָט געוואַנדערט פֿון איין בעל־הביתטע[33] צו אַ צווייטער, וואָס האָבן אים געגעבן מער ווי ווינאָרט... צי האָט ער דאָס געגעבן ווי אַ מתּנה[34] ? צי האָט אַן אײַפֿערזיכטיקע[35] פֿרוי דאָס צוגענומען ווי אַ נקמה[36] ? די אַנטדעקערין, פֿרוי ליגנערינסקאַ, האָט צוגעזאָגט אַז זי וועט אויספֿאָרשן די געשיכטע פֿון איר משפּחה[37] ביז זי וועט דערגיין די זאַך[38].





דערווײַל האָט זי באַשטימט צו שיקן דעם כּתבֿ־יד אין פּאַריז און אים איבערגעבן דער מעדעם־ביבליאָטעק, וואָס איז אוודאַי[39] גאָר גליקלעך צו קריגן אַזאַ אוצר[40]. *דער ״ייִדישער טעם־טעם* וועט עס דרוקן אין המשכים[41] און עס וועט דערשײַנען[42] אין אַ צווייישפּראַכיקער אויסגאַבע[43] איבער אַ יאָר פּורים...

27. Tsigane/Gypsy 28. diseuse de bonne aventure/fortune teller 29. se débat/wrangles 30. bekitser bref/in short 31. meshuge fou/crazy 32. shaykhes rapport/connection 33. baleboste *ici* logeuse/*here* landlady 34. matone cadeau/gift 35. jalouse/jealous 36. nekome vengeance/revenge 37. mishpokhe famille/family 38. tirer l'affaire au clair/get to the bottom of things 39. avade bien sûr/of course 40. oytser trésor/treasure 41. hemsheykhim épisodes/installments 42. paraître/be published 43. édition.


## דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ״ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי און אַ פּורים־לץ...



Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com


מע קען אויך לייענען דעם *״ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com